וויל דורכגיין דעם „כי עפר אתה ואל עפר תשוב".

די מעלה פון „ואל עפר תשוב" אויף עלי' בסערה איז אויך בדוגמת המעלה פון צווייטן טאָג שבועות; הסתלקות — איז דאָך עלי'. ואל עפר תשוב — שוב.

יב. מען האָט שוין גערעדט אַמאָל [32]), אַז אין דער תורה פון בעש"ט, האָט זיך אַרויסגעגעבן זיין עצמיות:

דער ענין פון בעש"ט איז געווען צו מגלה זיין תורת החסידות, וואָס ענינה איז העלאה מלמטה למעלה, זיכוך הגשמי — „עזוב תעזוב עמו" [33]) — דעריבער האָט דער בעש"ט מחבב געווען ביחוד דעם צווייטן טאָג שבו־עות, וואָס מעלתו איז זיכוך הגשמיות, כנ"ל.

(משיחת יום ב' דחגה"ש תש"כ)

# נשא

א. אין פרשת נשא ווערט אַרומ־גערעדט דער דין פון סוטה: בשעת אַ מאַן איז „מקנא" צו זיין פרוי, און ער זאָגט איר אַן „אל תסתרי (זאָלסט זיך ניט באַהאַלטן) עם איש פלוני", און זי האָט אים ניט געפאָלגט, איז כאָטש עס קען זיין אַז זי האָט מיט דעם איש פלוני ניט געזינדיקט, איז צוליב דעם אַליין, וואָס זי האָט זיך מיט אים באַהאַלטן נאָך דעם וואָס איר מאַן האָט איר געוואָרנט, ווערט זי אָנגערופן סוטה [1]) און עס זיינען דאָ כמה דינים וואָס עס דאַרף געטאָן ווערן בענין סוטה, ווי עס ווערט אויספירליך ערקלערט אין דער סדרה.

איש ואשה דאָ למטה מיט אַלע זייערע פרטים זיינען אַ דוגמא אויף זייער שורש פון וואַנעט זיי נעמען זיך ביז לשרשם הראשון צו כביכול — הקדוש־ברוך־הוא און כנסת ישראל וואָס ווערן אָנגערופן איש ואשה [2]). איז דערפון פאַרשטאַנדיק, אַז די אַלע פרטי דינים פון סוטה, זיינען אויך פאַראַן בנוגע כנסת ישראל מיט הקדוש־ברוך־הוא [3]).

דער „קינוי" פון הקב"ה צו כנסת ישראל, איז דעם אויבערשטנס ציווי צו יעדער אידן „לא יהי' לך (ל' יחיד) אלקים אחרים על פני", וואָס בדוגמא צו דעם איז „אל תסתרי עם איש פלוני". ס'איז אָבער ניט מובן: ווי איז שייך פאַר דעם אויבערשטן אַן ענין פון „סתירה", באַהאַלטן זיך פון אים? וויבאַלד אַז דער אויבערשטער איז דאָך דאָ אומעטום, „לית אתר פנוי מיני" [4]), און וואו וואו אַ מענטש זאָל זיך ניט פאַרבאַהאַלטן איז ער אַלע מאָל פאַר דעם אויבערשטנס אויגן, ווי עס שטייט [5]): „אם יסתר איש

32) ראה לקמן ע' 1209.

1) הסי' מדרכי הצניעות (פירש"י עה"ת במקומו); כניסת רוח שטות (סוטה ג, א).

2) ראה לקו"ש ח"ג ע' 984.

33) ראה „היום יום" ע' כג.

3) ונוסף על עניני איש ואשה בכלל, הנה דיני סוטה דמתחיל בם: איש איש גו' ומעלה בו וארז"ל (יל"ש רמז תשה) באישה של מעלה ובאישה של מטה, הרי ברור רמוז בזה ענין המעילה דכנס"י באישה של מעלה.

4) ת"ז תנ"ז (צא, סע"ב). הובא בשעהיוה"א פ"ז.

5) ירמי' כג, כד. וראה תהלים קלט, ז־יב.

במסתרים ואני לא אראנו נאום ה׳״ (צי אַז אַ מענטש וועט זיך פאַרבאַרגן אין באַהאַלטענישן, וועל איך אים דען ניט זען! זאָגט דער אויבערשטער). היינט וואָס מיינט „סתירה״ פון כנסת ישראל פון הקב״ה?

דער ענטפער אויף דעם: דער אויבערשטער זאָגט אויף אַ בעל גאוה „אין אני והוא יכולין לדור״ [6]), איך (זאָגט דער אויבערשטער) און ער (אַ בעל גאוה) קענען זיך ניט געפינען אין דעם זעלבן אָרט, קומט אויס, אַז גאוה איז אַן ענין פון „סתירה״ פון דעם אויבערשטן כביכול [7]); אין דעם בעל גאוה געפינט ער זיך ניט, און ער זעט ניט כביכול דעם בעל גאוה. וכפירוש הבעש״ט אויף דעם זעלבן פסוק — בניחותא: „אם יסתר איש במסתרים ואני — לא אראנו״, אַז בשעת אַ מענטש איז „ואני״, ער איז ביי זיך אַ „איך״, איז „לא אראנו״, דער אויבערשטער כביכול זעט אים ניט.

ב. עס שטייט אין גמרא [8]), אַז „בעל שמחל על קינויו קינויו מחול״, אפילו נאָך דעם וואָס דער מאַן האָט מקנא געווען צו זיין פרוי און געזאָגט אַל תסתרי עם איש פלוני, קען ער אָראָפּנעמען זיין קינוי, און ס׳איז גלייך ווי ער וואָלט קיינמאָל ניט מקנא געווען. און די גמרא פסק׳נט אָפּ, אַז דאָס וואָס דער בעל קען מוחל זיין, איז עס דוקא „קודם סתירה״ (איידער זיין פרוי האָט זיך פאַרבאַהאַלטן מיט דעם מענטשן אויף וועלכן דער מאַן האָט איר אָנגעזאָגט „אל תסתרי״), אָבער „לאחר סתירה״, העלפט ניט זיין מחילה.

און דער טעם דערפון איז:

כל־זמן שלא נסתרה, איז נאָך ניטאָ קיין זאַך אויסער זיין קינוי, און אויף זיין קינוי איז ער אַ בעל־הבית, און דערפאַר קען ער דאָס מבטל זיין. אָבער לאחר הסתירה, איז דאָך דאָ נאָך אַ זאַך וואָס איז ניט אָפּהענגיק אין אים. דעריבער העלפט ניט זיין מחילה.

אין ירושלמי [9]) אָבער שטייט, אַז דער בעל קען מוחל זיין אויף זיין קינוי אפילו נאָך דעם ווי נסתרה, „כל זמן שלא נמחקה המגילה״ (כל־זמן די מגילה וואָס מען שרייבט פאַר דער סוטה איז ניט אָפּגעמעקט געוואָרן).

איז מבואר אין דעם דער ראָגאַטשאָווער [10]), אַז ס׳איז ניט קיין פלוגתא צווישן בבלי און ירושלמי: דער ירושלמי רעדט וועגן אַזאַ סאָרט סתירה, וואָס איר גאַנצע מציאות איז בלויז מצד דעם קינוי [11]), ווי צ.ב. בעת ער זאָגט איר „אל תסתרי עם אביך״ אָדער „עם מאה בני אדם״, וואָס אָן זיין מקנא זיין איז עס גאָר קיין סתירה ניט [*11]), איז בשעת דער בעל איז מוחל און נעמט צו זיין קינוי, ווערט ממילא בטל אויך די סתירה, די גאַנצע זאַך.

דערפון איז פאַרשטאַנדיק בנוגע הקב״ה און כנסת ישראל, אַז וויבאַלד דער אמת איז אַז אַלעמאָל איז „לית

6) סוטה ה, א.

7) ועפי״ז יש לבאר מה שסיום מס׳ סוטה הוא בענין הענוה, כי ע״י קנין מדה זו מתבטל כל ענין הסתירה, ונסתיים ענין סוטה. (משיחת ערב חגה״ש תשי״ט).

8) שם כה, א.

9) סנהדרין פ״ח ה״ו.

10) צפנת פענח על הרמב״ם הל׳ סוטה פ״א ה״ז.

11) משא״כ בסתירה סתם, אף שמצד הסתירה עצמה, מבלעדי הקינוי, לא חל עלי׳ דין סוטה, מ״מ הרי זה מציאות סתירה.

*11) ירושי׳ סוטה פ״א ה״ב.

אתר פנוי מיני" — איז דאָך באמת קיינמאָל ניט שייך מציאות הסתירה; די סתירה איז נאָר ווייל דער אויבערשטער וויל ניט קיין גאוה, „תועבת ה' כל גבה לב"[12] און „אין אני והוא יכולין לדור" — און וויבאַלד אַז די גאַנצע מציאות פון דער סתירה ווערט נאָר צוליב זיין רצון, קען דער אויבערשטער אַלעמאָל מוחל זיין, אפילו לאחר שנסתרה.

ג. ווען העלפט אָבער די מחילה (אפילו אין אַזאַ פאַל ווען די גאַנצע מציאות הסתירה איז תלוי אין דעם קינוי), „כל זמן שלא נמחקה המגילה".

מחיקת המגילה כפשוטה, באַשטייט אין דעם, אַז מען טיילט אָפּ די אותיות פון דעם פּאַרמעט. וואָס דאָס ווייזט און ברענגט אַרויס בגלוי, אַז אויך פאַר דער מחיקה זיינען זיי ניט געווען איין זאַך; אויב זיי וואָלטן געווען איין זאַך, איז דאָך ניט שייך קיין פאַנאַנדערטיילונג. און דערפאַר איז ביי אותיות החקיקה, ווייל זיי זיינען איינס מיט דער זאַך אין וועלכער זיי זיינען אויסגעקריצט, איז ניט שייך צו אָפּמעקן די אותיות אַליין, סיידן מ'נעמט אויך אַראָפּ אַ חלק פון דער זאַך אין וועלכער זיי זיינען אויסגעקריצט.

איז בשעת אַז „לא נמחקה המגילה", ווען אַ איד לערנט תורה אין אַן אופן פון חקיקה, אַז ס'איז ניט שייך אָפּמעקן ח"ו די אותיות התורה פון אים, ווייל ער מיט דער תורה זיינען איינס *[12]), איז כאָטש אַז ביי אים איז געווען „סתירה", עס האָט זיך אין אים אַריינגעכאַפּט גאוה — איז עס נאָר בחיצוניות, און מחילה מלמעלה איז אַלץ מבטל און דער אויבערשטער איז דאָך — רב לסלוח [13]). אויב אָבער „נמחקה המגילה", (וואָס דאָס ווייזט אַז אויך פריער זיינען ער מיט דער תורה געווען צוויי זאַכן), איז דעמאָלט מעגלעך אַז די ישות וגאוה האָבן אים דורכגענומען דורך און דורך, דאַן האָט ער דעם דין פון אַ סוטה: ער מוז ברענגען אַ מנחה פון שעורים, מאכל בהמה [14]), און די מנחה דאַרף זיין עשירית האיפה — וואָס באַווייזט אויף דלי דלות [15]) (די מנחה פון די גאָר אָרעמסטע) ד.ה. אַז ער דאַרף ביי זיך פועל'ן די ידיעה און הרגש אַז ער איז אַן „עני בדעת" [16]), ביז אַזוי ווי אַ בהמה [17]), וואָס האָט אינגאַנצן קיין דעת ניט.

און בשעת ער פועל'ט ביי זיך אָט דעם ביטול, איז ניט נאָר וואָס ער ווערט טהור להקב"ה, נאָר ער קומט צו צו אַ דרגא וואָס איז נאָך העכער פון זיין דרגא ווי ער איז געווען פריער, ווי ער איז מסיים [18]): „ונקתה ונזרעה זרע" און די גמרא [19]) איז מפרש: „היתה יולדת (תולדותיהן של צדיקים — ועמך כולם צדיקים —

---

12) משלי טז, ה.

*12) עיין סוטה כא, א.

13) כ"ה בכל החטאים, שכולם מקורם היא הגאוה, מציאות בפ"ע נפרד מרצה"ע (ובאים מצד רוח שטות, סוטה). מלבד חטא ע"ז (שנוגע בחכמה שבנפש. שמדריגתה שה' לבדו הוא כו' — ראה תניא פי"ט והג"ה בפל"ה שם) זה נוגע גם בבחי' חקיקה, שלכן בחטא העגל, שבר משה את הלחות אף שהיו בחי' חקיקה.

14) סוטה יד, א.

15) ויקרא ה, יא.

16) ראה נדרים מא, א.

17) ראה חולין ה, ב: ערומין בדעת ומשימין עצמן כבהמה.

18) במדבר ה, כח.

19) סוטה כו, א. ברכות לא, ב.

מצות ומע"ט) [20]) בצער יולדת בריוח", ביז אַז ער קומט צו צו מרחב העצמי, „במקום שבעלי תשובה עומדים צדי-קים גמורים אין יכולים לעמוד שם" [21]).

(משיחת י"ב תמוז תשי"ז)

20) ב"ר פ"ל, ו.

21) ברכות לד, ב. וראה סה"מ ה'תש"ט ע' 183 בהערה.

# בהעלותך

א. די גמרא אין יומא [1]) פרעגט: „כתיב [2]) וברדת הטל על המחנה לילה ירד המן עליו (און ווען דער טל נידערט אַראָפּ אויף דער מחנה בייננאַכט טוט דער מן אַראָפּנידערן אויף אים — איז משמע אַז דער מן איז אַראָפּגעקומען אין דער מחנה); וכתיב [3]) ויצא העם ולקטו (און דער פֿאָלק איז אַרויסגעגאַנגען און געקליבן — וואָס יציאה איז משמע, אַז זיי האָבן געדאַרפט אַרויסגיין מחוץ למחנה צו קלייבן דעם מן); וכתיב [4]) שטו העם ולקטו (וואָס „שטו" מיינט אַז זיי האָבן געדאַרפט גיין צו אַ ווייטן אָרט בכדי צו קלייבן דעם מן) הא כיצד" (ווי שטימען עס אַלע דריי זאַכן)? און די גמרא ענטפערט, אַז די דריי לשונות ריידן וועגן דריי באַזונדערע סוגים פון אידן: „צדיקים ירד על פתח בתיהם, בינונים יצאו ולקטו, רשעים שטו ולקטו" (פאַר צדיקים איז דער מן געפאַלן ביי דער טיר פון זייערע הייזער, בינונים זיינען אַרויס אויסער דער מחנה צוליב דעם מן און רשעים האָבן געדאַרפט גיין נאָך ווייטער). און אַזוי איז אויך די גמרא דאָרט [1]) מבאר די דריי לשונות „לחם", „עוגות", און „וטחנו": פאַר צדיקים איז דער מן שוין געווען ווי געבאַקטער ברויט („לחם"); בינונים האָבן דעם מן געדאַרפט באַקן („עוגות"); און רשעים האָבן געדאַרפט אָנהייבן פון מאָלן („וטחנו בריחים").

ב. דער מן ווערט אין דער תורה באַצייכנט מיטן נאָמען „לחם מן השמים" [3]) אָדער „דגן שמים" [5]). דערפאַר זיינען פאַראַן דעות אין ראשונים [6]) אַז די ברכה וואָס די אידן פלעגן מאַכן אויפן מן, איז געווען „המוציא לחם מן השמים".

דער חילוק צווישן לחם מן השמים און לחם מן הארץ איז: לחם מן הארץ פאָדערט פיל אַרבעט און פאַרשידענע מלאכות ביז ער ווערט ראוי צו עסן, ווי די גמרא [7]) זאָגט: „תנא סידורא דפת נקט", מען דאַרף אַקערן, זייען א.א.וו. און נאָך דעם אַלעמען איז עס ערשט אַ לחם וואָס האָט אין זיך

1) עה, א.

2) במדבר יא, ט.

3) שמות טז, ד.

4) במדבר יא, ח.

5) תהלים עח, כד.

6) רמ"ע מפאנו בס' מאמר שבתות ה' (ח"ב בתחלתו בהמשך דבריו ע"ד הסעודה דלעת"ל) שכן יברכו אז על המן (השמור בצנצנת). ובס' חסידים (הוצאת מק"ן) סי' תתתת"מ: על המן היו מברכים הנותן לחם מן השמים (וראה סה"מ מלוקט ח"א ע' רלט הערה 49). — ובכ"מ מבואר שהיו מברכים עוד לפני דהמע"ה (שתיקן ק' ברכות, במדב"ר פי"ח, כא. הובא בשו"ע אדה"ז רסמ"ו) וראה לקו"ת לג"פ רד"ה להבין ענין הברכות (אוה"ת בראשית כרך ג תקנא, א).

7) שבת עד, ב.